KUNTRES

# CHANUKAS HA'BAYIS



ביהמ״ד של הרה״ק רבי יוחנן מראחמיסטריווקא זי״ע

Adar 21 5764

Beis Medrash Rachmistrivka

Monsey, New York

KUNTRES

# CHANUKAS HA'BAYIS

Issued to Commemorate the
Renovations and Rededication of
**Beis Medrash Rachmistrivka**
of Monsey, New York

Sunday the First Day of Vayakhel/Pekudei
Adar 21 5764

L'ilui Nishmas HoRav, **Reb Moshe ben Shlomo Aharon Eisenbach**, who passed away on this day in 5732 - the day of the Yarhzeit of the Zaddik, Rebbe Reb Elimelech of Lizhensk, author of the Noam Elimelech

בס"ד

# Beis Medrash Rachmistrivka

Monsey, New York

We cordially invite you to attend our

## Building Dedication

which will be held on

Sunday the twenty first of Adar, March 14th

Mincha at 6:30pm

Seudahs Mitzvah 6:45 & Maariv at 9:30pm

at our

Beis Medrash

9 Warren Court, Monsey, New York

The dedication is L'ilei Nishmas

Reb Moshe Eisenbach z"l

who passed away on the twenty first of Adar 5732

Hoping to greet you and your freinds personally

The Committee

# *Beis Medrash Rachmistrivka of Monsey - A Brief Overview*

In a little over two weeks the Rachmistrivka Beis Medrash of Monsey will reach its twentieth year. It was shortly before *Pesach* of that year when a small *minyan* gathered for *ma'ariv* in the same area that we sit tonight. The walls had yet to be built and the floor was not yet down. A *l'chaim* was drunk at the conclusion of the *tefillah* and, in effect, the shul's first *chanukas ha-bayis* had concluded.

Despite the most modest of physical surroundings, once the first *minyan* was held, a few weeks after *Pesach,* there would be no turning back. The *minyan*, albeit with a few close calls and last minute "miracles," would continue without interruption from then till now.

In its initial stages the *minyan* was comprised of a diverse group, representing assorted Chasidic and yeshiva orientations, some drawn by simple proximity while others were attracted by Rachmistrivka, in general, and the Rov *shlita*'s person, in particular.

The Rov, following in the path of his ancestors, has always guided the *tzibbur* in an understated, self effacing manner. Yet, for those

wise to the subtleties and nuances of Tschernobil, in general, and Rachmistrivka, in particular, he has embodied and articulated (although rarely verbally) the very essence of this unique path. Gentle and considerate to all, with Torah, avodah and kindness inextricably linked, he continues the teachings of *kedushah* tied to modesty and compassion of his holy forbearers.

As the years went on, the initial eclectic group was replaced and supplemented by a younger generation, full of enthusiasm, that had spent their formative years in either or both Rachmistrivka courts, in Jerusalem and Boro Park.

Many people have played a pivotal role in this Beis Medrash through the years. However, there is only one person who has been here from day one with sacrifice and loyalty. He is a *talmid chacham* of much renown who has had the merit to serve as an example to all of us with his constant and joyous *emunah* and *bitachon*. Reb Chaim Shlomo Steinberg's name has been synonymous with Rachmistrivka Beis Medrash from its inception. May he spend many long and healthy years together with us.

In the recent project of renovating the shul we are all aware of the work of Reb Shabsai Pachtman who has the gratitude of all. In

addition, the initial stages of the project were made possible by the steadfast work of Reb Moshe Greenberg. And, the generous donations (including that of a new Aron Hakodesh) of long time, loyal member, Reb Moshe Zev Dupelt, were instrumental in seeing the job through to its end. May they all be rewarded from On High for their efforts.

Let us also at this time not forget the one of our *mispallelim,* who is no longer with us, Reb Herschel Gutwein, whose joy in life and consistent, unyielding loyalty to the Beis Medrash will serve to always uplift us. May his memory always be a blessing.

May all our *mispallelim* be worthy of seeing the time when, led by the Rov, *shlita*, we will all be worthy of greeting *Moshiach*, speedily in our days.

This evening's chanukas ha-bayis is *l'ilui nishmas*, Reb Moshe Eisenbach (1926 - 1972). A major portion of the expenses for the current extensive renovations has been donated and collected for this purpose for deeply personal reasons. These reasons, along with a brief biography, appear in the following pages.

*Hanholas ha - Beis Medrash*

# R. Moshe Eisenbach a'h

## A Chasidc Model of Torah and Humility

It is now over three decades since the passing of Reb Moshe Eisenbach *a'h*. Yet, to me and, I am sure, to all those who knew him, his uniqueness lingers. We are left with far more than mere memory. We are left with an image that challenges, exhorts and beckons us across the expanse of lengthening years.

I find it difficult to describe him to those born in recent decades - even those born in the somewhat secluded environs of Chasidic communities. His concerns, so far as I saw them (and I was fortunately a frequent guest in his house), were all spiritual - learning, davening and kindness. They were enveloped in a singular sincerity (*temimus*), in a sweet receptivity to one and all, in a simplicity and in a serene faith that is all too difficult to achieve today, a mere three-plus decades after he left us.

Yet, I feel an obligation to, at very least, attempt to convey a bit of his essence to the next generation, in order that my children and grandchildren and his children and grandchildren and all those who might seek spiritual inspiration, may know what a *Chasidische Yid* of the previous

generation was like. Hopefully, this knowledge will not be to them simply academic but will serve as an example of the spiritual heights that we may glimpse from afar and pursue, however imperfectly, all our days.

The biographical details of Reb Moshe's life have been ably sketched elsewhere.[1]



Reb Moshe Eisenbach Z"l

In brief, he was a Polish Jew born and raised in the town of Yaraslov to a family of Bluzuver Chasidim. His formative years were spent there, immersed in Torah among a group of young Belzer Chasidim who pursued their studies under the watchful eye of the, eventual Belzer Rosh Yeshiva and Rosh Kollel, Reb Shalom Brander *a'h.* During the war Reb Moshe was exiled to Siberia by the Communists and it was there that he contracted a heart condition that was to

[1] See the essay *"Kavim Ketzarim l'Dmuso Ha'Zach shel Ha'Chosid Mh'R Moshe Eisenbach z'l M'Gdolei V'Chashuvei Chasiedi Skvera"* in Rabbi Herschel Rosenfeld, *Shulchan Ha'Shabbos and Likkutei Imrei Tzvi*, pp.1 - 9, second sequence of numbers after the Index.

plague him for the remainder of his life.

Having survived the horrors of the war, he made his way afterwards to Paris, where a makeshift yeshiva was started for a handful of adolescents. Providentially, one of the *maggidei shiur* was a former Navardeker *talmid*. He was so impressed with the young man's diligence and aptitude in his studies that he recommend that the Navardek yeshiva in America use one of its available visas to bring Reb Moshe to America and enroll him there.

It was during his years of learning in Yeshivas Beis Yoseph Navardek in Brooklyn that Reb Moshe encountered the Skvera Rebbe, *zy'a* (may his merit shield us), who had arrived in Boro Park in the late 1940s. It didn't take long before Reb Moshe became the Rebbe's devoted follower. The Rebbe himself, who rarely spoke at length on any matter and was certainly not one to lavish illusory spiritual praise, would at times reveal the extraordinary regard in which he held Reb Moshe. For example, he remarked "Reb Moshe loves to learn" or "He is a fine *bochur*, a great fearer of Heaven." Or "He is an example of the fear of Heaven."

Shortly after his wedding in 1951, Reb Moshe thought that he would have to leave the

"walls of the Beis Medrash" and pursue a livelihood. When he asked the Rebbe about this he replied, "A waste! A waste!" Whereupon, Reb Moshe took the hint and resolved to devote the remainder of his days and nights to study of the Holy Torah.



*Reb Moshe's Wedding*

Shortly after the current Skvera Rebbe's bar mitzvah in 1953, Reb Moshe was selected by the Rebbe, *zy'a*, to learn with his son. This *chavrusa* lasted for many years. Together they finished many *masechtos* in *Shas* and topics in *Shulchan Arukh*

After the Rebbe's passing on the second of Nissan 5728 (1968), Reb Moshe attached himself to the current Skvera Rebbe, *shlita*, with the

humility and love of a devoted Chosid.

Shockingly and tragically, Reb Moshe was taken from us during the night of the 21st of Adar 5732 (1972) while he slept. He was 46 years old.

Further intricate details will have to await a diligent future biographer. I have no doubt that a pursuit of those facts will yield further insights that we can all benefit from. However, it is the broad strokes of this man's life that I hope, with G-d's help, to describe in the following paragraphs. For it is there, in the consistent themes of his existence, that the essence of Reb Moshe emerges.

Each of us is called upon to serve our Creator in Torah, *avodah* and *gemilus chasodim*. In these three categories we can subsume all the spiritual strivings of a Jew. Reb Moshe Eisenbach treated each one of them with the reverence and passion that its essence deserves. And, crowning his entire *avodah* was his humble unawareness of his own greatness.

**Torah Study**

To say that Reb Moshe diligently learned Torah or that he was a *masmid* or that he devoted all his spare minutes to learning is

certainly true. But it doesn't say nearly enough. An example - *Motzei Shabbos*, after *Havdolah* he would, if there were no pressing family matters to attend to, immediately sit down to learn. And learn meant seriously delving into *gemara* with *meforshim* or *Shulchan Arukh* in depth or *Mishnayos*. And, so he would sit for hours, learning out loud, until whatever time he would eat *malevah malka*.

And so it was on *erev Shabbos* or *Purim* after the *seudah* or any number of times when others are overwhelmed by other burdens, Reb Moshe would be sitting in his dining room or in *shul* hunched over a large *gemora*.

Before every *yom tov* one would see Reb Moshe learning the *masechta* related to that holiday in addition to his regular *shiurim*.



*In the Sucah, Chol ha'Moed*

In other words his day's task was Torah study. At times he had to pause and do something else but his "normal state" was with a *gemora*.

And, as with every mitzvah he did, his learning

was done with a *geshmak*. He always learned out loud, chanting and translating the words to himself if he was learning alone.

In addition to his regular studies, he would spend time every day with one of the basic *sifrei musar*, often sitting at meal times engrossed in those works.

***Avodas ha - Tefilah***

His davening was a wonder to behold. Every *tefilah*, whether recited in shul or at home, was said with a fiery passion that will always to be remembered by those who were worthy to witness it. Each word was enunciated clearly. Each word was recited out loud with enthusiasm. In the privacy of his home he did the same. He had a special corner set aside where, facing the wall, he would recite *birchas haTorah, asher yotzar*, and *krias Shma al ha-Mitah*. With similar enthusiasm he said every *birkas haMazon*. All were regarded with the utmost seriousness and reverence and treated accordingly.

And, on those occasions when he would lead the *tefilos* in shul, the Rebbe z'y'a would often remark, "It is a source of pleasure to me when Reb Moshe goes to the *amud*."

## *Shabbos Kodesh*

His *Shabbos* was altogether an absorption in the holiness of the day and its spiritual delights. He went to the *mikveh* long before *Shabbos* began. By the time the *zman* arrived he was in shul where he recited *Shir haShirim* and pursued other studies and devotions until minchah. At home his passionate recital of the many pre- and post-*seudah* devotional prayers were a wonder to behold; his entire demeanor was bathed in reverence, fear, love and joy.

## *Ahavas Yisroel*

Yet, inside this man who made such great spiritual demands on himself, beat a heart that welcomed all others, regardless of their distance from his stature. He spoke kindly to all, with a smile on his face and a twinkle in his eye. If anyone spoke ill of another in his presence he would always offer explanations and defenses of that person's behavior. The good in another he always praised. The evil he always found a way to excuse or defend. He was the living embodiment of the twin attributes of judging one's fellow in the scale of merit and receiving every person with a pleasant countenance.

### *Hiskashrus L'Zaddikim*

His devotion and love to the Rebbe *z'y'a* knew no bounds. It was not based on communal structures or even an attachment to the customs of the Rebbe (the essential ones of which he practiced). Instead it was rooted in a genuine love for the Rebbe's person, for his unique combination of piety and empathy. In a sense, Reb Moshe was the true Chosid who sought to absorb the fundamental teachings and deeds of his Rebbe and make them part of his own spiritual strivings.



*Reb Moshe, on left, escorts Skvera Rebbe Zy"a to shachris*

## Some Personal Notes

To me Reb Moshe was not just a figure of towering Chasidic piety. He functioned as my rebbi, helping me in my initial studies when I began in yeshiva in ninth grade and, in many instances as a surrogate father, or better stated, together with his worthy Rebbetzen (may she be well), they formed a surrogate family. On all *yomim tovim* and many *Shabbosim* over a seven year period I was their guest (no matter how many other family members or guests were there!) My *aufruf* and *Shabbos sheva brochos* were hosted by him and his family in his home. He read the *Kesubah* at my *Chuppah*.

Why? What connection did we have?

When I first met him I didn't speak or understand a word of Yiddish. His English language skills were very limited.

Yet, on a Sunday afternoon in the spring of 1965, when he saw me setting in the old Beis Medrash in New Square he struck up a conversation and evidenced an interest in my life that didn't end until his own life did.

He cared for all my needs from buying my groceries when I would go home during *Chol Hamoed Pesach* to lending me the *seforim* that I

needed (this being in a time when neither money or new *seforim* where plentiful) to reviewing with me a difficult *gemora* that I was struggling with in my early days in yeshiva.

### The Legacy

The fire of Reb Moshe's *tefilah*, the quantity and quality of his learning, his faith in *Zaddikim*, his holy demeanor on *Shabbos* and *Yom Tov* will be an example to all those who knew him and now, hopefully, to all those who have heard of him.

To me, though, and I think to all those who knew him well, the trait that seems so extraordinary, although seemingly so basic, was Reb Moshe's great kindness, his sweetness, his inability to anger or be upset with people. His answer to cruelty, to indifference and evil was to love and care more for others that much more.

In this, the combination of self-demanding personal piety with respect and love towards others, that Reb Moshe was perhaps the ultimate example of a true Chosid of his Rebbe and an inspiration to us all. May we be worthy to follow in his footsteps.

May the merit of earlier *Zaddikim* and *Chasidim* shield their descendants and followers and all our people until the coming of *Moshiach* speedily in our days.



ב"ה

לכבוד הורי שלו׳ וברכה
תמונתי מתנה שלוחה:
ובעזרת מקבץ נדחה,
יקבצנו בקרוב לרוחה:

משה אייזענבאך

*Reb Moshe in hus younger years. This is a picture that he sent as a gift to his parents, The nusach was his own, written on the picture's back.*

קונטרס

# חנוכת הבית



ביהמ"ד של הרה"ק רבי יוחנן מראחמיסטריווקא זי"ע

**כ"א אדר שנת תשס"ד לפ"ק**
**ביהמ"ד ראחמיסטריווקא**
**מאנסי נ.י.**

לע"נ הרה"ח ר' משה אייזנבאך ז"ל

קונטרס

# חנוכת הבית

יוצא לאור לרגל חנוכת הבית של

**בית המדרש ראחמיסטריווקא**
**מאנסי, נ.י.**

**ביום א׳ לס׳ ״הוקם המשכן״**
**כ״א אדר שנת תשס״ד לפ״ק**

**זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו**

לע״נ הרה״ח ר׳ משה אייזנבאך ז״ל

בס"ד

# ביהמ"ד ראחמיסטריווקא

מאנסי, נוא יארק

מתכבדים אנו בזה להזמין את מע"כ ידידנו היקרים שיחי'
להשתתף ולקחת חבל בסעודת

# חנוכת הבית

לרגל הרחבת ושיכלול בית מדרשינו לשם ולתפארת

שתתקיים ברצו"ה ביום א' ויקהל-פקודי הבעל"ט
כ"א אדר תשס"ד לפ"ק (ולמס' 3/14/04)
מנחה בשעה 6:30 אחה"צ ואח"כ נט"י בעוד יום
ברכת המזון בשעה 9:30 בערב

## בבית מדרשינו

*9 Warren Court, Monsey*

שיכלול והרחבת בית המדרש נתנדב לעילוי נשמת
הגה"ח ר' משה בהר"ר שלמה אהרן אייזנבאך זללה"ה
נלב"ע כ"א אדר תשל"ב
נתנדב ע"י חד מידידיו מתפלל בבית מדרשינו

זכות החזקת בית ה' יגן על כל המשתתפים להתברך בכל מיני ישועות והשפעות לרוב

הגבאים

ברכת קודש מכ"ק מרנן האדמורי"ם שליט"א

**ישראל מרדכי** בהרה"צ מוהר"ר **יוחנן**
וצוקללה"ה טווערסקי

מראחמיסטריווקא - ירושלים עיה"ק ת"ו
ת.ד. 6719
רחוב שפת אמת 6

בעזהי"ת קורח דברים תשפ"ר לפ"ק

החיים והשלום אל מעכ"ב מתפללי ביהמ"ד ראחמיסטריווקא בעיר מונסי. יצ"א ברשות אחי הרה"צ המפו' מוה"ר אברהם דב שליט"א

שמחתי באומרים לי כי אתם עומדים להרחיב גבולות הקדושה בהרחבת ביהמ"ד לתורה ולתפלה ודבר גדול ונשגב הוא עד למאד, ואין ערוך לגודל זכות המסייע לדבר נשגב זה, וידוע מאמר הרה"ק מרוזין זי"ע כי אדם המקדש עצמו מלמטה מעט היינו שבונים ביהמ"ד מעט מקדשין מלמעלה הרבה שזה גורם לבנין ביהמ"ק למעלה במרומים, ונזכה בב"א, ובשכר זה תזכו לשפע ברכה והצלחה בכל מעשי ידיכם לטובה.

המצפה לישועה קרובה
ישראל מרדכי טווערסקי

[illegible handwritten line]

# זה [illegible] שיקדשו לו

אמר הקב"ה לישראל, [illegible]
[illegible]
[illegible] אלא בכל מקום שאתם [illegible]
[illegible], שנאמר ועשו לי מקדש. ([illegible])

מיר אלע זאגן היינט א פרייליכן ברכת שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה, יעצט, [illegible] - דאס איז דער טאג וואס מיר ווארטן שוין לאנג צו קענען זען די הרחבת גבולי הקדושה פון אונזער ביהמ"ד, ווען די כותלי הבית האבן שוין אליין [illegible] געוואגט, און צו המקום מהכיל ציבור המתפללים שוחז.

און לערך 2 וואכן פון היינט - יום חנוכת הבית - וועט בע"ה ווערן 20 יאר פון ווען ביהמ"ד ראחמיסטריווקא און באבוב איז נתייסד געווארן, דאס איז געווען אין א געוויסן אויפגעראמטע פאר יענעם פסח - שנת תשד"מ - ווען קיים א מנין האבן דא, וואו מיר זיצן איצט, געדאווענט מעריב און מיט דעם תפילה באזיים דעם ביהמ"ד, בראש הרה"צ רב דקהלתנו שליט"א.

די ווענט און דער פאדלעגע (ערד) זענען נאך ניטאמאל געווען פארטיג, אבער די גייסט און די אטמאספערע איז געווען שלימות'דיג דערהויבן. די שמחה איז גרויס געווען אז מ'איז ב"ה זוכה צום "ועשו לי מקדש" צו האבן די אייגענע ד' אמות של קדושה לתורה, לתפילה ולעבודת החסידות. באלד נאך יענעם

מערב האט מען זיך טאקע בחדווה רבה ברודערליך אוועקגעזעצט און געפראוועט א מסיבת לחיים.

אונזער ביהמ״ד האט זיך דאן אנגעהויבן מיט וואס מען רופט א ״קארגע מנין״. מ׳האט אן א שיעור מאל געדארפט אנקומען צו באזונדערע חסדים מלמעלה אויף צו קענען האבן א גאנצן מנין מתפללים. ב״ה אז די דאזיגע סארט ״נסים״ פון טרעפן א ניינטן און א צענטן אין די לעצטע רגעים פאר א סוף זמן תפילה איז אלעמאל געווען מיט סיעתא דשמיא און פון 20 יאר צוריק ביזן היינטיגן טאג, איז תמיד געווען א מנין צו דאווענען ביי די זמנים הקבועים פון ביהמ״ד, - מי חכם ישמר אלה, ויתבוננו חסדי ה׳.

די ראשונים פון ביהמ״ד זענען געווען א חברייא פון חסידישע ווי ישיבה׳שע בעלי בתים, וועלכע זענען נתקרב געווארן צום הייליגן שיין און אור התורה והחסידות פון בית ראחמיסטריווקא בכלל און פון בית הרה״צ רב דקהלתינו שליט״א בפרט. גייענדיג אין די פוסטריט של אבותיו הקדושים האבן ביים רב שליט״א געטראפן א רוחניות׳דיגער און ווארעמער היים אט די אלע ערשטע מתפללים. מ׳איז דא טראנספארמירט געווארן צו א גרויסע משפחה מיט׳ן פולסטן נאנטקייט און ברודערשאפט.

״9 ווערן קארט״ איז - אויסער אלס אן אינזל אין גשמיות׳דיגן זין - אויך געווארן אן אינזל און א טרעפ־פונקט פאר די וואס האבן זיך געוואלט קלאמערן אין א מקום קדוש וואו עס שוועבט אויף די אווירה של קדושה משלשלת טשערנאבל וראחמיסטריווקא. דער רב שליט״א דער פאר מקדושים האט אונז דאס געגעבן און געט עס אונז ווייטער וכה יעזור ה׳ באריכת ימים ושנים בטוב ובנעימים.

מיר זענען ב״ה כסדר נהנה מדי שבת בשבתו פון אמרותיו

## חנוכת הבית

היקרים מדברי וסיפורי צדיקים ביים קידושא רבא ובעת רעוא דרעוין. ארויס קומענדיג פון אן ארגינעלן מקור איז עס א דורך גענומען מיט א באזונדערן חן. דער רב שליט"א האט דאך פיל מקבל געווען מאבותיו הקדושים, פון זיין גרויסן טאטן כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זי"ע און פון זיין גרויסן זיידן כ"ק אדמו"ר הקוה"ט מסקווירא זי"ע ביי וועם ער האט אויך געהאט גרויס קרבה וחביבות.

בלויז זייענדיג במחיצת בית הרב שליט"א, וואו מ'זעט ב"ה דעם הערליכן דור פון זרע ברך ה', ממשיכי שלשלת הקודש לשם ולתפארת, האט עס אן השפעה לטובה אויף כל באי ביהמ"ד ובפרט אויף די קינדער פון די מתפללים שיחיו. אלס מנהל אין תלמוד תורה פון וויזניץ פאר צאן קדשים האט דער רב תמיד געהאט, און געגעבן, דעם גוטן און דערמוטיגנדיגן ווארט פאר אלע בית מדרש-קינדער, וואס איז פאר זיי געווען א חיזוק לתועלת.

ברוב חכמה ופקחות פון הרה"צ רב דקהלתנו שליט"א ובעיקר מיט אן אמת'ע אהבה צו יעדן אשר בשם ישראל יקרא, האבן זיך דא גוט געפילט אידן פון אלע סארט שיכטן און שאטירונגען. דאס זעלבע אין עזרת נשים דורך הרבנית הצ' תליט"א וועמענס געטרייע גאלדענע הארץ איז געווען, און איז ווייטער, אויסגעשפרייט און איבערגעגעבן צו יעדן באזונדער.

*

שרייבנדיג וועגן די ערשטע יארן פון אונזער ביהמ"ד קומט ארויף אין זכרון די שיינע געהויבענע שבתים וואס זענען דא געפראוועט געווארן, צו ערשט איינמאל דורך כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א פון א"י ביים שבת שבע ברכות פון הרב ר' ישעי' משולם

זושא איידעס פון רב שליט״א, און מערערע מאל דורך כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א, ווען דער רבי שליט״א האט אנגעהויבן קומען אויף שבתים קיין מאנסי.

במשך די יארן ווען דאס ערשטע דור אייניקלעך פונעם שארית הפליטה האבן אנגעהויבן אנקומען צו די ימי האברכות, איז אין ביהמ״ד צוגעקומען א פרישע לגיון המלך פון חשוב׳ע אברכים יראים ושלמים, וועלכע זענען דבוק ומקושר לכ״ק מרן אדמו״ר עט״ר שליט״א. זייער יונגע און פרישע התלהבות האט פיל בייגעטראגן צום גייסט פון ביהמ״ד הן בתורה, הן בתפילה ובכל ענינים. דורך זיי זענען נתוסף געווארן ספסלי דבי מדרשא, ביז - ווי אין אנהויב געזאגט - אז ס׳איז געקומען צו א מצב פון אפס מקום ממש!

* * *

צוריקבליקנדיג דעם 20 יאריגן תקופה בבית מדרשינו זעען מיר פאר זיך מערערע טייערע אידן וואס האבן בייגעשטייערט לטובת המקום. פארהאן אבער בתוכם א מתפלל חשוב וועם מיר אלע קומען באזונדערע און אומגעהויערע אנערקענונג און דאנקבארשאפט. הלא הוא הרה״ח, התלמיד חכם המופלג בתורה מוה״ר חיים שלמה שטיינבערג שליט״א, וואס פון ערשטן טאג אן איז ער בלב ובנפש איבערגעגעבן פאר׳ן ביהמ״ד, פאר׳ן רב שליט״א, ולכל אשר בשם ראחמיסטריווקא יכונה.

ר׳ חיים שלמה איז ווי א סינאנים מיט ראחמיסטריווקא אין מאנסי... ווען איר זאגט ר׳ חיים שלמה שטיינבערג זאגט איר ביהמ״ד דחסידי ראחמיסטריווקא מאנסי. זיין אנוועזנהייט דא בתוכנו איז פאר אונז אויך א חיזוק אין עבודת כל אחד ואחד, בפרט בדרכי אמונה ובטחון אין וועלכן מיר זענען אזוי אנגעוויזן אין

יעדן הינזיכט. יעצט ווען מיר פראווענען אויך א סעודת הודאה צו זיין קומען צו די כוחות, איז אונזער וואונטש צו ר' חיים שלמה שליט"א: לאורך ימים ושנים זאל ער דא קענען ממשיך זיין בגבאות הביהמ"ד מתוך בריות גופא ונהורא מעליא.

אין רשימת הראשונים פון ביהמ"ד זענען בולט אזעלכע טייערע איבערגעגעבענע אידן, וועלכע האבן פיל געלייסטעט פאר דעם מקדש מעט, ווי דער לאנגיעריגער מתפלל מו"ה ר' מאיר שילער הי"ו וועלכער איז געקומען צו אונז אין ביהמ"ד אלס זיין התקרבות צום רב שליט"א זייענדיג אן אייניקל מרבו הק' כ"ק אדמו"ר מסקווירא זי"ע, און האט אן א שיעור צוגעהאלפן לטובת המקום, אזוי אויך דער געטרייער גבאי בימים ההם מו"ה בנימין ענגל הי"ו, דער בעל קורא ובעל תוקע חשוב לזמן מסוים מו"ה חיים אלעזר בראנסדארפער הי"ו, מו"ה דוב גליק הי"ו, וועלכער האט מנדב געווען דעם ערשטן ארון קודש, דער ידיד נאמן בבית מדרשינו מו"ה אליעזר קלאר הי"ו וועלכער האט אוועקגעבארגט פאר'ן ביהמ"ד א ספר תורה וואס ווערט גענוצט פון אנהייב אן ביזן היינטיגן טאג, דער חשוב'ער מתפלל מאז ומקדם וועלכער האט אצינד מרחיב געווען את גבולתנו מו"ה ברוך שטיינמענץ הי"ו צו וועם מיר אלע האבן א טיפן הכרת הטוב, דער לאנגיעריגער כהן אין ביהמ"ד מו"ה מתתי' גרינבלאט הי"ו, א תלמיד ישיבת רבינו חיים ברלין און א שטארקער מעריץ פון רב דקהלתנו שליט"א, און דער מתפלל הנכבד וועלכער האט פיל בייגעטראגן במשך כל השנים הרה"ג ר' דוד מילער שליט"א, וואס א משך פון 15 יאר איז ער געווען דער בעל תוקע, דער ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, דער מקור פון הלכה אין יעדן ענין, וואס זיין אנוועזנהייט האט תמיד צוגעגעבן א תורה'דיגן גלאנץ.

מיר דערמאנען מיט א באזונדערער חשיבות די עסקנים פון

דעמאלץ ביז היינט הרבני הנכבד מוה"ר משה זאב דאפעלט הי"ו, וועלכער איז געווען עקסטער אינסטרומענטאל מיר זאלן קענען זען דעם "מקדש מעט" בבנינה ובתפארתה, ער האט אצינד מנדב געווען דעם נייעם ארון הקודש און אלע יארן איז ער אן עמוד התוך פון ביהמ"ד און טוט בייטראגן מיט שטיצע ביי יעדע געלעגנהייט, ווי אויך, דער איבערגעגעבענער גבאי מו"ה יצחק פעלבערבוים הי"ו, דער חשוב'ער מתפלל הרב ר' יו"ט שיק שליט"א וועלכער האט מנדב געווען א ספר תורה לטובת הביהמ"ד, דער בעל תפילה פון כל נדרי ונעילה ברוב התעוררות מו"ה אלעזר פעלבערבוים הי"ו, הרב ר' שלמה אהרן רוקח דער ווארעמער בעל תפילה בימים הנוראים און אלע שיינע זמנים במשך כל השנה, און דער עסקן און גבאי פון יארן נאכאנאנד ברוב מרץ בכל עת ועונה מו"ה אהרן יאקאב הי"ו.

לחשיבות בית אבותם ועבודתם בקודש פארצייכענען מיר במיוחד עטליכע פריערדיגע מתפללים, וה"ה, הרה"ג רבי אהרן הערש רומפלער שליט"א, כעת בעיה"ק ירושלים, בנש"ק מוה"ר משולם ראטנבערג מקאסאני לרפו"ש ולאויט"א, און דער ראש ישיבה ומרביץ תורה לעדרים הרב ר' יששכר געלבמאן שליט"א.

מיט לעצטיגע אותיות דארף דא אצינד פארצייכנט ווערן אייניגע אישים חשובים, והלא הם: מוה"ר שבתי פאכטמאן הי"ו דער רוח החיים והעסקנות, וועלכער האט אין פולן זין פון ווארט זיך מוסר נפש געווען פאר'ן נויטיגן רענאוואציע וואס מיר טוען היינט בע"ה פייערן. אזוי אויך הרב ר' משה גרינבערג שליט"א, אויף וועמענס איניציאטיוו און ווארעמער דערמוטיגונג מען האט אונטערגענומען דעם איבערבוי פון ביהמ"ד.

מיר טוען דא א נקודה אונטערשטרייכן, לגבי די אלע

אויסגערעכנטע אידן - און אפשר אויך וועגן אנדערע מתפללים-פערזענליכקייטן, וועלכע מיר קענען האבן פארזען אין זכרון - "לא הרי זה כהרי זה" און ווי עס איז ביי יעדן קאלירפולן ציבור האט יעדער אהער מיטגעברענגט זיינע מעלות, מנהגים און מסורות. "הצד השוה שבהן" די נקודה אין וועלכן אלע זענען געווארן פאראייניגט, איז מיטן אוועק נעמען די גבולות צווישן 1 סארט איד און אנדערן און שאפן דא אין דעם ביהמ"ד איין גרויסע משפחה פון גוטע און ליבליכע ברידער. די אלע האבן מיט זייער השתתפות - זה בכה וזה בכה - צוגעהאלפן פאר'ן עקזיסטענץ ווי פאר'ן עתידות פון ביהמ"ד.

זיי אלע פארדינען אונזער פולער הכרת הטוב. ישאו ברכה מאת ה', און זוכה זיין צום לשון "מנורת המאור": "והבונה בית הכנסת לשם שמים יזכה לראות בבנין ירושלים".

* * *

ווען מיר פראווענען דעם חנוכת הבית פון אונזער ביהמ"ד, נעלה על זכרונינו לטובה האי גברא יקירא הרה"ח ר' הערשל גוטוויין ע"ה, תלמיד ישיבת סקווירא ותלמיד ישיבתינו הק' בעיה"ק ירושלים, וועם מיר אלע האבן אזוי ליב געהאט און געשעצט. ר' הערשל האהוב והחביב וועלכער איז געווען געבענטשט מיט מעלות רמות, מיט חיות וחמימות, איז געווען א בריח התיכון בתוך קהלתינו החשובה. 15 יאר נאכאנאנד געווען דא בעל קורא. ר"ה ויו"כ געווען א בעל שחרית, וואס טראץ זיין חשק ורצון צו פארן אויף בארא פארק צו זיין בצלא דמהימנותא, איז ער אלס אחריות צום ביהמ"ד דא געבליבן בימים הנוראים. ס'איז פאר אונז עד היום אן אבידה שאין לה תמורה. לאמיר אים דערמאנען און געדענקן לטובה צוזאמען מיט אלע אנדערע ח' מתפללים שהלכו לעולמם,

ה"ה מו"ה הנדבן לבית מדרשינו ר' גרשון סעגאל ע"ה, מו"ה ר' מרדכי קליין ע"ה, מו"ה ר' נחום האס ע"ה, מו"ה ר' ארי' ווייס ע"ה און מו"ה ר' יוסף אביגדור אלטמאן ע"ה. יזכרם אלקים לטובה ותהא נשמתם צרורות בצרור החיים.

*מיר זענען אצינד מתפלל:*

יה"ר מקמי שמיא, מיר זאלן בקרוב זוכה זיין צום קיום הלשון פון תנא דבי אליהו: "כך אמר הקב"ה, בני, בנה לי ביהמ"ד, ששכר הגדול שיש לי באוצרי שלך הוא ובשבילך אני מציל את ישראל". זאלן מיר טאקע בקרוב זוכה זיין צו הצלת וגאולת ישראל און צום "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל", צוזאמען מיט בית מדרשנו ותפארתנו ונזכה כולנו ביחד עם מורנו הרה"צ רב דקהלתינו שליט"א ורבותינו הק' בראשינו, לקבל פני משיח צדקנו בב"א.

*הנהלת בית המדרש*

# דברים אחדים

## מאת מוה"ר שבתי פאכטמאן הי"ו

### יו"ר וועד קרן הבנין דבית מדרשנו

אודה ה' מאוד בפי. פיל טו איך אצינד לויבן דעם בוכ"ע אויפ'ן שהחינו וקימנו לזמן הזה, אז נאך די אלע יגיעות וטרחות זיצן מיר שוין אינאיינעם ביים חנוכת הבית. זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו.

"אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה" איז דא מקוים געווארן אין פולן זין פון ווארט. א יאר צוויי צוריק האט זיך עס נישט געגלויבט אז מיר וועלן אנקומען צו דעם גליקליכן שעה פון חוגג זיין די דאזיגע הרחבת הגבולין. ס'איז א צייט וואס ערוועקט ביי מיר אלע הרגשים צו שמחה עד אין שיעור ממש.

כדי ארויס צו ברענגן דעם שבח והודאה וואס מיר קומען למלך קל חי, וועלן מיר דורך בלעטערן כאטש א טייל פון די השתלשלות הדברים און זען די סיעתא דשמיא וואס האט אונז באגלייט אויף שריט און טריט.

געווען איז דאס דעמאלט ווען עס האט זיך אנגעהויבן דער כולל ערב בין כותלי הביהמ"ד. עס זענען ב"ה נתוסף געווארן ספסלי דבי מדרשא. מ'האט זיך דערזען מיט אן ענגשאפט וואס בעט און פאדערט אן אויסברייטערונג.

אויסער פון דעם, האט זיך דעמאלט אויך פארלאנגט אן איבערבוי אין דער מקוה דבית מדרשנו, אין קורצן געזאגט: מ'האט

געמוזט אונטערנעמען א ריזיגן און קאסטבארן בוי־פראיעקט.

עס האט זיך באלד געשטעלט די שאלה פון ביי יעדן דבר מצוה - "כסף מנלן" און נאך אן אנדער שאלה, ווי אזוי אנטוויקעלט מען א וועד עסקנים. פאר'ן צוועק פון לעגאליזירן א רענארוואציע און בכלל צו שטיין צו דער האנט פון דער אונטערנעמונג האט זיך ווארעס אנגערופן דער ידיד נאמן מוה"ר משה גרינבערג הי"ו.

*

דער דאזיגער תקופה פון צוטרעטן למען הרחבת המקום איז אויסגעפאלן אין ענדע דעם ערשטן יאר פון ווען מיין טייערע, געהויבענע מאמע ע"ה, איז פון מיר און פון אונזער גאנצע משפחה אזוי פריצייטיג געווארן אוועקגעריסן.

אין איר פארקירצטער לעבן ל"ע איז זי מיט מסירת נפש אנגעקומען צו זיין א שיינענדער ביישפיל פון אן עסקנות למען הכלל והפרט אין יעדן הינזיכט וואס נאר שייך. בעיקר טאקע אין מעמיד זיין דורות ישרים אלס מחנכת נפלא פאר אידישע טעכטער.

סיי טאקע נעמענדיג אלס מוסטער אמי מורתי ע"ה און סיי צו טון א דבר חשוב לטובת הכלל לעילוי נשמתה הטהורה, האב איך זיך דאן ווי אריין געווארפן אין חשבונות און אנגעהויבן עוסק זין פאר דעם באליבטן מקדש מעט.

דאס ערשטע איז געשאפן געווארן עטליכע הונדערט דאלער פאר א געוויסע תיקון המקוה. אבער באלד האט מען זיך דערזען אז דא מוז מתוקן ווערן פיל מער און עס וועט אריין טרייבן אין פילע טויזנטער.

ברוב חסדי ה' עמנו איז מיט די הילף פון עטליכע אנשי שלומינו שיחיו געשאפן געווארן די נויטיגע באדייטענדע סומע.

מ'האט רענאררווירט און מרחיב געווען דעם מקוה און דעם דערנעבנדן פאר־צימער, לרוב הנאת כל באי'.

מיר האבן געהאט די זכי' אז כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט באזוכט דער מקוה המפוארה און לכבוד דעם געזאגט דברות קודש, ארויסברענגענדיג חשיבות הענין בפרט אז מ'האט עס אויסגעבויט אזוי שיין און פראקטיג ווי צדיקים האבן תמיד אנגעוויזן אז אזוי דארף א מקוה געבויט ווערן.

*

בינתים איז אין היכל הבית מדרש שווערער געווארן מיט מקומות פאר מתפללים מיט מקומות פאר לומדי תורה. אבער ווער האט געקענט טראכטן פון אזא אונטערנעמונג וואס וועט אפקאסטן א הון תועפות.

א דורך בראך איז געקומען בשעת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איז געווען דא צו גאסט אויף א שבת. מען האט געעפנט דעם דרום וואנט און דערמיט האט זיך אייגענטליך אנגעהויבן די לאנג ערווארטעטע הרחבת הגבולין, בעידודו המלאה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

מיר וואלטן אזוי - מיט'ן פראוואזאריש געעפנטן וואנט - געבליבן אויף ווער ווייסט ווי לאנג נאך, ווען נישט עס איז געקומען לעזרת ה' בגיבורים דער עמוד התווך און רוח החיים פון בית המדרש האדם היקר באנשים, הרה"ח ר' מאיר שילער שליט"א. הוא הגבר, וועלכער פארדינט אן אייביגער הכרת הטוב. גרויס איז זיין שכר און פילצאליג זענען זיינע זכותים.

צו ר' מאיר דארפן מיר זאגן וואס הרה"ק ר' שלו' מבעלז זי"ע האט געזאגט: עס שטייט "אבן מקיר תזעק" אז אויב מ'געט געלט

לבנין ביהמ"ד, איז אחר אריכת ימים ושנים של האדם שרייט דער שטיין, דער איז דער מענטש וואס האט מיר געבויט. ווי הויעך שרייט און וועט שטענדיג שרייען ביהמ"ד ראחמיסטריווקא מאנסי לזכותו פון אונזער ר' מאיר שילער! בפרט נאך אז ער האט דאס אלץ געגעבן אין א לשמה'דיגן אופן זייענדיג עס מקדיש געווען לע"נ מאור חייו הרה"ח רבי משה אייזנבאך זכרונו לברכה.

ברוך השם אז טראץ די שווערע און אומפאראויסזעענדע עיכובים וואס מיר האבן כסדר געהאט "מבית ומבחוץ" [צופרידנצושטעלן דעם רצון און דעת מכל אחד ואחד פון א ציבור איז כידוע פון די גאר-שווערסטע זאכן...] זענען מיר דאך אנגעקומען עד הלום. מ'האט געהאט גרויס סיעתא דשמיא מדי יום ביומו, מדי שבוע בשבוע, ביז מיר זעען ב"ה דעם מקדש מעט בבנינה ובתפארה.

פיל מאל בשעת די עבודה במשך די חדשים פון זיין פארנומען מיט'ן בויען וכו', וכו', האב איך געשפירט עס גייט מער נישט ווייטער. כ'האב בוודאי באקומען ווארימע דערמוטיגונג פון מתפללי הביהמ"ד, בעיקר אבער איז געווען די טרייבקראפט - ווי שוין אויבן געזאגט - צו ממשיך זיין דרכי אמי אשה יראת ה' און ברענגען זכותים לעילוי נשמתה בגן עדן גנתא.

די חשיבות הענין מכל הצדדים האט מיר געהאלפן איבערקומען אלע שטיינער אין וועג. ווי דער דובנער מגיד זצ"ל ברענגט אין א משל, אז ווען א מענטש טראגט א שווער פעקל, אויב ער ווייסט אז ס'איז גאר טייערע סחורה ווערט לייכט דאס טראגן.

גאר טייער איז מיר דער הייליגער מקום געפינענדיג דא מורנו הרב אב"ד שליט"א. כ'דאנק דעם רבש"ע פאר מיר ברענגען לפונדק

זה וואו כ'האב די זכי' זיך צו קענען געפינען אין די ד' אמות של קדושה, וואו עס גיסט זיך צונויף דער פשטות האמיתית מרבותינו הקדושים מיט'ן פולן חן פון אמאליגן ירושלים של מעלה. פיל בין איך נהנה פון רב שליט"א בעצה ותושי' בהרבה ענינים בכל עת ועונה. יעזור השי"ת שעוד רבות בשנים יזכה להאריך על ממלכתו מתוך הרחבת הדעת וכט"ס.

*

כאן המקום להודות הני אנשים יקרים ואישים חשובים, וואס זענען געשטאנען לימין העבודה, זה בכה וזה בכה און האבן גאר אסאך בייגעטראגן להצלחתה. אזוי ווי מוה"ר משה גרינבערג הי"ו - ווי שוין דערמאנט, מו"ה אהרן יאקאב הי"ו, מו"ה משה יושע קרעמער הי"ו דער עסקן לבית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וועלכער האט כסדר מעודד ומעורר געווען פאר'ן שוואונג פון דער עסקנות, און מו"ה יצחק וויינבערגער הי"ו, ווער עס קומט באזונדערע אנערקענונג פאר'ן העלפן דערמעגליכן דעם ערשיינונג פון קונטרס וואס איר האלט אצינד אין האנט.

גאר שטארקע ליב ווערטער וויל איך דא איבערגעבן דעם פערזענליכקייט פון ביהמ"ד הרבני החשוב מוה"ר משה זאב דאפעלט הי"ו. אויסער זיין נדבה גדולה וחשובה צו קענען קויפן דעם נייעם ארון הקודש, איז ער כסדר געווען איבערגעגעבן מיט וואס נאר מעגליך.

דאס זעלבע קום איך הכרת הטוב פאר ידיד נפשי העסקן הגדול מראשוני מתפללי בית מדרשנו מוה"ר שמשון לויבער הי"ו מייסד ומנהל חברת "ביקור חולים דראקלענד קאונטי", וואס ברוב דעת ותבונה איז ער געווען א מקור פון חיזוק און ייעוץ לאורך כל הדרך.

ואחרון חביב דערמאנען מיר לטובה ולברכה דעם חשוב'ן מוה"ר ברוך שטיינמענץ הי"ו, וואס דורך זיין טאלאנט בחכמת הבני' און געטריישאפט למען בית מדרשנו, איז עבודתו בקודש ארויסגעקומען יפה ומהודר לשם ולתפארת.

צום שלוס: א הודאה כללית מכל לבי לכל מתפללי ביהמ"ד, פאר'ן מקבל זיין בסבר פנים יפות דעם וועד קרן הבנין און זיך משתתף זיין בעין יפה וברוח נדיבה. ויה"ר מקמי שמיא שזכות בנין מקדש מעט זאלביישטיין לכאו"א ובקרוב נזכה לבנין בית המקדש השלישי במהרה בימינו אמן.

*בידידות ובהכרת הטוב; שבתי פאלאטאמאן*

## זכר חסיד לברכה

**דער חנוכת בית המדרש צו וועלכן מיר זענען איצינד זוכה קומט פאר אין יארצייט טאג פון הרב החסיד רבי משה אייזנבאך ז"ל, וואס לעילוי נשמתו הטהורה האט א מתפלל חשוב מנדב געווען דעם גרעסטן תרומת הקודש לבנין ביהמ"ד. פאלגענד איז א מאמר מיוחד פונעם מתפללים פערזענליכע זכרונות און הרגשים נאכן האבן די זכי' צו נתקרב ווערן אל האי חסיד מדור הקודם זכרונו לברכה.**

איינס פון די שווערסטע פרימארגענס איז געווען פאר'ן שטעטל סקווירא, "יענעם כ"א אדר אינדערפרי" ווען דער בשורה לא טובה פון הסתלקות הרב החסיד רבי משה אייזנבאך ז"ל איז אנגעקומען צווישן די איינוואוינער. ס'איז דאן געפאלן און פארלוירן געגאנגען א לייכט-טורעם פון תורה וחסידות וואס האט געלאכטן און געשיינט מיט אן אמאליגן ליכט און שיין.

עס איז שוין זינט דאן אריבער א דריי דורות'דיגער תקופה, וואס איז געווען א פעריאד פון צייט צו קענען האבן גזען און צו קענען האבן געלערנט פיל מענטשן און פיל פערזענליכקייטן. דאך פאר מיר און פאר אלע וואס האבן געקענט ר' משה ז"ל, איז ער נאך אלץ פארבליבן אלס אן אייגנארטיגער חסידישער טיפ אשר רוח אלקים בו וואס איז דאן און איז היינט כמעט ווי נישט צו טרעפן.

ער איז געווען א איד וואס זיין הליכות היום בתורה ובעבודה איז געווען טאג טעגליך אויף א הויכן דרגא וואס יעדער מבקש ה' טוט צו דעם שטרעבן און וואלט געוויס געוואלט אהין דערגרייכן. זיין עצם מהות, וואס ער האט פון זיך אליין אזויפיל פארלאנגט, איז פאר זיינע ארומיגע געווען אזא סארט פערזענליכקייט וואס האט פון אנדערע אויך געמאכט פאדערן א בעסערן און ערנסטערן לעבנס-וועג.

באמת פיל איך אז ס'איז שווער צו איבערגעבן און צו מסביר זיין דעם ניי-אויפגעקומענעם דור, אפילו פאר די וואס זענען נתגדל געווארן אין חדר החסידות, וואס אזא חסידישער איד ווי רבי משה אייזנבאך ז"ל האט מיט זיך פארגעשטעלט. פאר פיל פון די נייע דורות איז עס מעגליך אומפארשטענדליך די סארט מדרגות וואס מ'האט ביי אים געזען און ווי העכער ער איז געשטאנען פון אלץ וואס איז נישט ריין און אמת'דיג תורה'דיג געווען ווי עס האבן אים געלערנט זיינע הייליגע רבי'ס.

זיינע זארגן זענען געווען כולו רוחניות'דיגע. זיין פשוט'ע טעגליכע צוגאנג צו אלץ וואס איז נויטיג אין לעבן איז געווען מיט אזא דערהויבענעם ערנסטערקייט אז ס'האט איבערגענומען א יעדן וואס האט זיך נאר געטון דערין מתבונן זיין. "מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו." "מיר האבן אים געזען אלס א ריז מדור הקודם וואס איז בתוכנו געווען א מתנה מן השמים זיך צו קענען פון אים לערנען און צו וויסן וואס אזוינס עס זענען די עיקרים פון אן ערליכן איד.

אט טאקע "למען תלך בדרך טובים וארחות צדיקים תשמור" כדי אונזערע קינדער - כ'האב דא אין זין מיינע אייגענע, ווי אויך ר' משה'ס און אלע אנדערע וועלכע ווילן הערן - זאלן וויסן וואס עס

איז דער אפטייטש פון א חסידישן איד פון פריערדיגן דור און זאלן זיך קענען אליין פרעגן "מתי יגיעו מעשי" צו אזא סארט העכערקייט. דערפאר פיל איך אלס א חוב צו איבערגעבן וואס כ'האב אליין מיטגעלעבט און בייגעוואוינט. עס זאל דינען נישט אלס א קוואל פון ידיעה נאר אלס א באלערנדער דוגמא וואס פאדערט און מאנט שטענדיג רוחניות'דיגער הארוואניע.

## - ר' משה בלייבט אין ביהמ"ד -



ר' משה'ס פאטער
ר' שלמה אהרן ז"ל

אין דער שטאט יארוסלאוו אין פולין איז ר' משה געבוירן געווארן צו זיינע חשוב'ע עלטערן בלאזשעבע חסידים. ווי באלד נאר ער איז אויפגעוואקסן און אנגעהויבן אליין קענען לערנען איז ער געווארן באקאנט אלס דער מתמיד וואס זיצט און לערנט אין בעלזער בית המדרש פון שטאט. אונטער די עינא פקיחא און ווארימער דערמוטיגונג פון הגאון הגדול רבי שלו' בראנדער ז"ל - נאכ'ן מלחמה ראש ישיבת בעלז אין ירושלים - האט ר' משה אייזנבאך פיל תורה קונה געווען און ר' שלו' מצדו האט אים אויך ער אין שיעור מחשיב געווען.

בעת די גרויזאמע יארן פון חורבן איירופע האט זיך ר' משה געפינען אין סיביר און שווער געליטן פון די קאמוניסטן. ער איז

דארט ל״ע קראנק געווארן אויפ׳ן הארץ, וואס האט אים שוין דערנאך באגלייט ביז צו זיין פריצייטיגן הסתלקות. כאטש זייענדיג אין די שווערע סיביריי׳שע אומשטענדן האט זיך זיין צלם אלקים קיינמאל נישט אפגעטון. ווי ווייט ס׳נאר מעגליך געווען האט ער אנגעהאלטן זיין התדבקות בה׳ סיי דורך דאווענען, סיי דורך לערנען און סיי מיט פארטיפנדע מחשבות באמונה ובבטחון עד להפליא.

ביים רגע וואס ער איז ארויס פון אונטער די קאמוניסטישע נעגל און געווארן פריי איז זיין פרייקייט אויפ׳ן ארט אויסגענוצט געווארן פאר איין הויפט פעולה ״זיצן און לערנען״. ס׳איז טאקע געווען א זמן וואס צובראכענקייט, פארלוירנקייט, און פארביטערטקייט האט לייכט געקענט פאנגען און ארום נעמען. מ׳האט שוין נישט געהאט א היים וואו אהיימצוקומען. מ׳האט נישט געהאט די עלטערן וואו זיך צו באשיצן און זיך צו מחזק זיין. ר׳ משה אייזנבאך, דאן נאך א יונגער בחור, האט זיך אבער געגעבן א הייב אויף העכער אלע געפילן און באדארפענישן און זיך געזעצט צום גמרא!

פון סיביר האט ער געוואנדערט ביז ער איז אנגעקומען צו א מקום מנוחה אין א ישיבה אין פאריז פראנקרייך[1]. דארט אין פאריז האט ער געלערנט ביי א מגיד שיעור א תלמיד פון נאווארדוק.

זיין מגיד שיעור איז געווען פון אים באאיינדרוקט. ער האט באוואונדערט זיין לערנען זיין באשיידנהייט און אצילות׳דיגע מדות אז ער האט גערעדט פון אים מיט אן איבער׳רעש׳ענדער

---

[1] אגב. מער פון זיין ביאגראפיע קענט איר זען אין א מאמר אין ספר ״שלחן השבת״ פון הרה״ג ר׳ צבי מאיר ראזנפעלד שליט״א אדער אין א נאר-וואס ערשינענעם חודש-שריפט ״דער אוצר״.

באגייסטערונג. א דאנק דעם מגיד שיעור'ס רעקאמאנדאציע און הילף צו באקומען א וויזע פאר ר' משה ער זאל קענען פארן לערנען אין אמעריקע אין א גרעסערן מקום תורה, איז ער בשעה טובה אנגעקומען אויף ניו יארק און אריין לערנען אין דער ישיבה גדולה בית יוסף נאווארדוק אין בארא פארק.

* * *

יענע צייט האט אין בארא פארק געוואוינט דער צדיק יסוד עולם כ"ק אדמו"ר מסקווירא זי"ע ועכ"י. צדיקים האבן געזאגט: "קדושה און אמת" זענען מושך, בפרט ווען ס'דארף צוציען איינער וואס לעבט אויך בקדושה ובטהרה מיט אן אמת. האט נישט לאנג גענומען ביז דער אפגעהיטענער בחור דער מתמיד פון נאווארדעקער ישיבה משה אייזנבאך איז געווארן צוגעצויגן צו סקווערן רבי'ן זצוק"ל.

ער איז געווארן א מקורב, א געטרייער חסיד אין פולן זין פון ווארט, און "דער קלאמקע פון דעם טיר, פון דעמאלט אן, שוין קיינמאל נישט אפגעלאזט". ר' משה ז"ל האט געפינען זיין היים ער האט געטראפן א היים ווי אלע דריי אהבות, אהבת ה', אהבת התורה און אהבת ישראל טוט זיך אינאיינעם צונויפגיסן אין א שטראם ווי פון אומדערשעפליכער קוואל, וואו אהבת עצמו חלילה איז ניטאמאל א פינטל צו געפינען.

אין דעם הייליגן באר מים חיים, פון וואו עס האט זיך געגאסן "בלי נשמע קולם", האט דער צמא לה' ר' משה אייזנבאך ז"ל געפונען את שאהבה נפשו. עס איז געווען א בחינה "ווי דאס קינד האט געטראפן דעם טאטן". דאס איז געווען "א רבי" וואס ר' משה'ס עבודה פון אלע יארן - ביז אהין - איז פון זיך אליין געווען ווי אן הכנה, וואס האט אים גרייט געמאכט צו קענען באלד

אויפכאפן אז אט דא איז ער נאנט געקומען לתועלת הנרצה.

* * *



ר' משה אין די יונגע יארן

שבחים און טיטלן אויף מענטשן זענען פון די סארט פתגמים וואס מ'האט פון כ"ק אדמו"ר מסקווירא זצוק"ל ווי נישט געהערט. ווייניג האבן זוכה געווען אז דער צדיק אמת זאל אויף זיי זאגן אפילו עפעס אן אויסדרוק בשבחם. אפילו א מינימום אין רים־ווערטער איז מפה קדשו נישט געהערט געווארן. וועגן ר' משה אייזנבאך האט מען עס יא געהערט: "משה האט ליב צו לערנען" "ער איז א פיינער בחור א ביישפיל פון א ירא שמים". ווער עס האט געקענט דעם סקווערער רבינ'ס געמאסטענע און געציילטע ווערטער ווייסט ווי פילזאגנדיג אט די אויסדריקן האבן פון אים געמיינט. דער סקווערער רבי האט אין ר' משה'ן געזען דעם "תורה'דיגן חסיד" וואס איז מער ווי א למדן און איינער וואס קען לערנען. ס'איז דא א פנימיות וואו עס קאכט א פייער פאר'ן רבוש"ע און ולא מחזיק טיבותא לנפשי'.

ווי ווייט חשוב ר' משה'ס תורה לערנען איז געווען ביים סקווערער רבי'ן זי"ע, איז אויך צו זען פון נאך זיין חתונה ווען ער האט געמוזט אנהייבן זארגן אויף פרנסת ביתו. דאן צוליב'ן ענגשאפט אין געלט, האט ער אנגעהויבן טראכטן פון איבערלאזן

כותלי בית המדרש און ארויס גיין איפ'ן גאס על המחיה ועל הכלכלה.

ער איז אריין צום רבי'ן זי"ע הערן חות דעת קדשו. ווי נאר דער סקווערער רבי זצ"ל הערט ר' משה'ס שאלה גיט ער זיך א רוף אן: "א שאד, א שאד".

פאר ר' משה אייזנבאך איז דאס פיל גענוג געווען. ווי א חסיד אמת האט ער שוין ווייטער גאר נישט געפרעגט און איז צוריק אין בית מדרש לערנען בייטאג און ביינאכט.

ער איז אויף א געוויסע צייט געווען א לערן-חברותא פון כ"ק מרן אדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א, און מרבו הק' אויך אויסגעקליבן געווארן צו לערנען מיט בנו יחידו כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א, פון נאכ'ן בר מצוה אן. פיל אסאך מסכתות און סימני שלחן ערוך האבן זיי מסיים געווען, בעת כ"ק אדמו"ר מסקווירא זי"ע האט מיט א חביבות גדול כסדר מיטגעהאלטן אין וואס מ'לערנט. ווען דער צדיק הקוה"ט איז - בשנת תשכ"ח - נסתלק געווארן לחיי עולם הבא, האט זיך ר' משה ז"ל מקשר געווען מיט גרויס אהבה וחמימות צו כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א עד יומו האחרון בכ"א אדר שנת תשל"ב, ווען ער איז פון אונז אוועקגעריסן געווארן צו די אייביגע וועלט פון פיל יודעיו ומכיריו.

ערשט נישט לאנג ווען כ"ק מרן אדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א האט באזוכט בבית מדרשנו, באקוקט בנין המקוה און געזאגט דברות קודש האט מען דערמאנט פאר'ן רבי'ן אז מ'בויט עס לז"נ ר' משה ז"ל. ס'איז געווען קענטיג ביים רבי'ן שליט"א א גרויס התרגשות אז ס'איז לעילוי נשמת "אזא איד!"

## - דער קרוין וואס ר' משה ז"ל האט געטראגן -


ר' משה ז"ל

ווען איך טו באטראכטן די יסודות אויף וועלכן ר' משה ז"ל איז געשטאנען און דורך זיי זיך דערהויבן צו א שלימות, זעט מען באלד די ג' עמודי העולם, תורה, עבודה וגמילות חסדים. באמת ווערט יעדער איד גערופן זיי צו מקיים זיין. דאס זענען דאך די דריי התחייבות'ן וואס א איד דארף ערפילן ביי זיין לעבן, ס'איז דער פשוט'ער חובת האדם בעולמו.

נאר לאמיר יעדע פון זיי אביסל צעגלידערן און זיך באקענען מיט א קלארקייט ווי אזוי הרה"ח ר' משה אייזנבאך ז"ל האט זיך מיט זיין תורה, עבודה וכו' אזוי דערהויבן, ווערנדיג אן איש מורם מעם. ועל כולם, איז דאס שענסטע ביי ר' משה געווען אז ער אליין האט ניטאמאל געוואוסט אז ער איז עפעס ספעציעל און העכער פון אנדערע. אט דאס איז געווען דער קרוין און תפארת וואס ער תמיד געטראגן, נישט וויסנדיג אז ער איז מיט דעם אלץ מעוטר און באשיינט.

* * *

**תורה!** צו זאגן אז ר' משה איז געווען א מתמיד און כסדר געלערנט איז אויך א מעלה וואס קען געזאגט און דארף ארויסגעהויבן ווערן. עס איז אבער ווייט נישט ריכטיג ארויסגעברענגט וואס אזוינס זיין התמדה איז באמת געווען און וואס פארא אהבת התורה ער האט געטון אילוסטרירן.

עס גערענקט זיך גוט, ווי אפילו אין אזעלכע זמנים ווען מ'האט פארענדיגט א טאג פון עבודה, ווען מענטשן געווענליך כאפן דאן אן הפסקה פון מנוחה פון זיצן רואיג, פארברענגען אביסל, מערסטענס אריין קוקן אין א לייכטן ספר, איז ר' משה "דאן געזעצן און געהארעוועט". ווי למשל מוצאי שבת, מוצאי יום הק' נאכ'ן אהיים קומען פון שול, ווען ער האט באלד געמאכט הבדלה האט ער תיכף דערנאך געעפנט א גמרא צו א שלחן ערוך און גענומען לערנען.

דאס לערנען גמ' וכו' איז נישט געווען בלויז א לייכטער לימוד פון איבערגיין אפגעלערנטע בלעטער צו סימנים שו"ע. ס'איז געווען תורה מיט יגיעה, פארטיפט אין ים התלמוד באגלייט פון מפרשים ונושאי כלים. אזוי איז ער געזעצן און געלערנט הויעך אויפ'ן קול, מיט א ברען און א געשמאק אפילו אין די זמנים ווי מוצאי שבת, ערב שבת נאכמיטאג, פורים נאכן זיין סעודה ביזן גיין צום טיש א.א.וו.



נאך אן הבדלה,
בשעת'ן רעאגירן צום בילד...

נוסף צו זיינע שיעורים קבועים האט ער תמיד צוגעלייגט פרישע לימודים, צום ביישפיל בספרי מוסר וחסידות - ספר חרדים, קיצור של"ה א.ד.ג. - צו פאר יעדן יום טוב ויומא דפגרא די מסכתות, גמרות און שולחן ערוך, וואו מ'קען לערנען מעניני דיומא.

דעם "כי הם חיינו" האט מען ביי ר' משה אייזנבאך געזען מדי

יום ביומו ומדי שעה בשעה. אויך בשעת'ן עסן האט מען אים געזען ביים אפענעם ספר - ווי אהין איז ער געווען פארטיפט און וואס ס'איז געלעגן אין עלטער האט ווי מיט אים קיין שייכות נישט געהאט. תורה מיט איר אומענליכן כח פון זיכוך הנפש האט אים געהאלפן צו־קומען צו א רוחניות'דיגע לעבן פון "בכל דרכך דעהו" אויף יעדן שריט און טריט.

* * *

**תפילה!** צו קענען "דאווענען" שרייבט דער "מאור עינים": "צריך שיהי' מחשבתו זכה ונקי', ויהי' אז דבורו גם כן זך ונקי, שיוכל לדבק את עצמו בבורא ברוך הוא". דאווענען איז התדבקות אין אויבערשטן. נאר צו דעם דארף מען האבן א ריינעם און לויטערן מחשבה. א איד ווי ר' משה, וואס האט אפגעווייכט נישט בלויז פון הבלי הזמן נאר פון אלץ וואס איז פשוט גשמיות און חיצוניית האט זוכה געווען צו אזא דאווענען פון כולו התדבקות.



לינקס: ר' משה ז"ל - וואס יארן האט ער באגלייט דעם סקווערער רבי'ן זי"ע צום דאווענען צוזאמען מיט להבחל"ח הרב ר' זלקא קארן לרפו"ש ולאויט"א

געקומען אין ביהמ"ד איז ער אלעמאל נאך פאר'ן דאווענען. ווען נאך פאר ברכות אדער ביי מנחה מעריב פאר'ן אנהייב ממש. ווען מ'האט אים געזען שטיין אין ביהמ"ד, האט מען באשיינפערליך געזען ווי "דא שטייט א איד לפני מלך מלכי המלכים". מ'האט נישט געדארפט זען קיין תנועות און מ'האט נישט געדארפט הערן קיין צעקות צו בכיות צו מערקן דעם פלאמיגן פייער אשר תוקד בו. זיין דאווענען איז געווען ארום גענומען מיט יראת ה' מיט פחד ה'. די קאכעדיגע התעוררות דערפון האט זיך געהערט ביים ארויס זאגן יעדעס ווארט אין סידור, קלאר און דייטליך. ס'איז געווען אין א בחינה פון "ובאת אל התיבה". ער איז אריין געקומען אין יעדן ווארט עקסטער מיט'ן פולן כוונה און מיט א פרישן דחילא ורחימא. ווער נאך ווי כ"ק אדמו"ר מסקווירא זי"ע איז געווען א מבין אויף ר' משה'ס דאווענען. האט ער טאקע אמאל געזאגט: "ס'איז מיר הנאה ווען ר' משה גייט צו צום עמוד".

זיין עבודה פון דבקות בדיבורי תפילה ותחנונים איז געווען ביחידות בביתו ווי אין ביהמ"ד "ברבים". ער האט געהאט א מקום קבוע אין זיין דיינונג-ראם וואו ער האט יעדן טאג געזאגט ברכת התורה מלה במלה בכוונה עצומה, אויפ'ן זעלבן אופן און אויפ'ן זעלבן מקום האט ער געזאגט ברכת אשר יצר און יעדן אויפדערנאכט קריאת שמע על המטה, וואס איז פאר זיך געווען א מעמד פון קבלת עול מלכות שמים בעפאר זיין "בידך אפקיד רוחי". יעדע ברכת המזון וואס מ'האט אים געזען בענטשן סיי אין ביהמ"ד בין הציבור סיי ביי זיך אין הויז, איז אלץ געווען א נייער עבודה לה', מיט א דערהויבענעם ערנסטקייט וואס האט מיט זיך געטראגן א נעימות'דיגן און א מתיקות'דיגן כאראקטער.

* * *

שבת קודש! אט דער הייליגער טאג, דער חמדה גנוזה ומתנה טובה ויקרה וואס דער רבוש״ע האט אידן געגעבן, האט ר׳ משה אייזנבאך ז״ל איבערגענומען מיט בײדע הענט און מיט איר זיך משתשע געווען כל ימיו. זיין הכנה און השתוקקות צו שבת קודש האט זיך אנגעהויבן דאס פריסטע וואס נאר מעגליך. תמיד בכל יום שישי איז ער געווען פון די עשרה ראשונים אין סקווערן שטעטל צו גיין אין מקוה זיך צו מטהר זיין לכבוד השבת און צו אננעמען דעם תוספת טהרה פאר׳ן נשמה יתירה, צו וועלכן ער גייט פריש זוכה זיין. מ׳האט געזען אפילו אויף זיין גיין אין גאס - אויפ׳ן וועג צום מקוה - אז ס׳קאכט מיט קדושת היום וואס קומט.

דאס גאנצע שבת האט בײ אים געשײנט מיט א העכערע הארה. אין דעם טאג איז געקומען צום אויסדרוק זיין ״והכינו את אשר יביאו״ פון די אפגעלאפענע ששת ימי המעשה. זיין ״מי שטרח, בערב... יאכל בשבת״ צו וועלכן ער האט זוכה געווען מיט אמת׳ע מסירת נפש, האט זיך אויך אריבער געטראגן צו די ארומיגע. זייענדיג ביי זיין שבת טיש האט זיך אינעם אטמאספער געפילט דער תענוג רוחני וואס א איד קען פילן דורך קדושת השבת.

אלע אידן וואס פלעגן קומען אין שול אין סקווירא פאר קבלת שבת, האבן ״קיינמאל נישט״ געהאט קיין ערפארונג פון נישט טרעפן ר׳ משה אייזנבאך ז״ל זיצן ביי זיין פלאץ אלס זריז וקדים צו אנהייבן מיט׳ן עבודת היום ווי נאר שבת איז צוגעפאלן. ער פלעגט וועכענטליך דארט זאגן שיר השירים - די הייליגע פסוקים פון געגועים פון בוכ״ע צו אידן און צוריק פון אידן צום בוכ״ע. ער האט דאן אויך מעביר סדרה געווען און די איבריגע צייט ביז צו מנחה אויסגענוצט מיט לימוד התורה בספרי חסידות א.א.וו.

באלד נאכ׳ן דאווענען - ווי ס׳שטייט אין הלכה - איז ער

אהיים פון שול. ווי נאר ער איז אריין אין שטוב געזאגט "גוט שבת" האט ער תיכף אנגעהויבן שלום עליכם, נאך אנגעטון מיט'ן רעשוואלקע כמנהג אבותיו.

ווי שיין און ווי יראה'דיג איז געווען ר' משה'ס הכנה צו קידוש - וואס איז כידוע א זמן התעוררות פון "חרטה על העבר וקבלה על העתיד" (כלשון "דרך פקודך") - און בפרט זיין עצם קידוש מאכן, פון שטיין מיט'ן בעכער אין האנט פאר'ן בוכ"ע און באימה וביראה עדות זאגן על בריאת שמים וארץ. ס'האט זיך אינעם ארויסזאג פון די ווערטער געשפירט דעם ציטער פון קומען מעיד זיין על יחודו ואחדתו יתברך שמו און אין דער זעלבער צייט איז ער געווען דורכגענומען מיט חדוה רבה פון קענען פונדאסניי מקדש זיין דעם שבת וואס "באהבה וברצון הנחלתנו".

נאך יעדע שבת'דיגע סעודה האט ער געזאגט משניות שבת. און מ'האט נישט געדארפט זיין א גרויסער בר בי רב צו ארויס הערן אז די משניות ווערן געלערנט ווי איידער געזאגט.

צו קענען סומירן ר' משה אייזנבאך'ס שבת, איז עס דוכט זיך ממריכטיגסטן אפגעטייטשט, מיט די ווערטער פון גרויסן מגיד זייע. דער הייליגער רב ר' בער האט געזאגט: סיי שבת און סיי יראת השם זענען ביידע גנוזים אין זעלבן מקום בשמים. ווען א איד איז זוכה צו דערשפירן אור קדושת השבת קומט אויך אויף אים דאן ארויף אן אימה ויראה עילאה.

## - ר' משה'ס אפענע טיר און אפענע הארץ -

יא, אפילו אזוי געהויבן, אפילו אזוי אריין געטון אין לערנען, איז זיין אויפנעמען אנדערע געווען מיט א סבר פנים יפות, פון וואו

עס האט ארויס געפינקעלט א לעכטיגער אוןווארעמער שמייכל. זיינע מדות בין אדם לחבירו איז געווען איין שטיק גוטסקייט און פריינטליכקייט. ער האט נישט סובל געווען צו הערן חלילה א עפעס נישט-גוט אויף אן אנדער איד. ווען ס'איז צו אים באונס יא אנגעקומען א נישט-גוט ווארט האט ער תמיד באלד רעאגירט מיט זיסע לימוד-זכות'דיגע ווערטער וואס האט דעם בארעדנדן געשטעלט אונטער א שיינעם ליכט, זוכענדיג סיי וועלכע תירוץ, נאר יענעם צו פארענטפערן.

זיין "נח למקום ונח לבריות" קענען מיר בעסער פארשטיין מיט וואס ספרים זאגן אויפ'ן רש"י פון פסוק "כי תעשה הישר והטוב בעיני השם" אין פ' ראה. רש"י זאגט: "הטוב בעיני השמים והטוב בעיני אדם". פרעגן זיי: דער פסוק פירט דאך אויס נאר "בעיני השם" ווי נעמט רש"י צו זאגן אויך "בעיני אדם"?

נאר דערפון איז צו דרינגען אז מענטשליכע עטיק ביי א איד איז איינס מיט געטליכקייט. הגם ס'איז ענינים שכליים מצד אנושיות איז עס ביי אן ערליכן איד אן הנהגה קדושה וואס קומט בפועל יוצא פון זיין התדבקות בה' ובתורתו הק'. פאר מיר פערזענליך איז ר' משה אייזנבאך זצ"ל געווען א סימבאל פון אזא סארט פארקערפערונג פון טוב למקום וטוב לבריות.

ער פלעגט לויבן די גוטס פון אנדערע עושי מצוות ומעשים טובים אפילו יענע האבן עס נישט געהערט. ווייל ווען ער האט גערעדט בשבח ישראל איז עס געווען פארבינדן בשבח המקום. ער האט געפילט ווי ער לויבט דא קינדער פון אויבערשטן. - פון זיך ערגערן אדער חלילה בייזערן אויף א צווייטן, איבער אייגענע צו איבער ציבור'ישע אינטערעסן מאן דכר שמיה!

דאס זעלבע איז געווען זיין אהבה בלי גבול צום סקווערער



גאנץ רעכטס: ר' משה ז"ל. אין צענטער כ"ק ארמו"ר מסקווירא זי"ע גייענדיג לחופת בנו כ"ק ארמו"ר מסקווירא שליט"א. רעכטס: דערקענט מען כ"ק מרן ארמו"ר שליט"א, לינקס: דער חתן און אנדערע מקורבים. - ביי דעם חתונה האט דער סקווערער רבי זצ"ל מיט חשיבות אנגעוויזן אויף ר' משה צום מחותן דער "אמרי חיים" זצ"ל

רבי'ן זי"ע. עס איז נישט געווען בלויז צוליב למשל הכרת הטוב איבער וואס דער רבי האט אים געטון אדער ווייל ער באלאנגט צו סקווירא חברייא. ער איז געווען דער אמת'ער חסיד ומבקש ה' וויבאלד טאקע זיין געגועים צו עבודות ה' האט אין אים ערוועקט די מורא'דיגע אהבה וחדוה האבנדיג די זכי' צו קענען זיין מקושר צדיק, מקבל זיין מדרכיו הקדושים ולבקש תורה מפיהו.

* * *

טאקע דערפאר ווייל זיין אהבת הבריות איז געווען געבויט אויפ'ן יסוד פון ליב האבן דעם טאטן אין הימל וואס דורך דעם האט מען ליב אלץ וואס איז נאנט און געהערט צו אים, האב איך אלס א פרעמדער אידיש קינד - אינגאנצן נישט לויט זיין לעבנס-שטייגער - אויך ביי אים געטראפן אן אפן אידיש הארץ און אן אפן אידישער טיר וואו ס'האט געהערשט אן אומגעליבן

גאסטפרייטנליכקייט.

ער איז טאקע געווען א איד פון גאנץ אן אנדער חדר, פון לומדי'שן יארוסלאוו פון ישיבה'שן נאווארדוק, פון חסידישן סקווירא... דאך האט ער געטראפן דעם שפראך צו אן אמעריקאנער יונגל פון א גאנץ ווייטן-קרייז. דער אמת'ער ארגינאלער רצון פון קירוב לבבות לה' ולתורתו הק' האט - פון זיך אליין - דורך געבראכן אלע גבולות פון צווישן שיכטן און שפראכישע דיפערענצן. זיין קענטעניס בשפת המדינה ענגליש, איז געווען זייער באגרעניצט, און ווידער איך האב, אידיש, כמעט קיין ווארט נאך דאן נישט געקענט, אבער הארץ האט געפילט הארץ.

זייענדיג דעמאלט א קינד אין אכטן קלאס אין שולע - האב איך טאקע אין ר' משה אייזנבאך געטראפן נישט בלויז א גייסטרייכער פיגור, א חסידישער פערזענליכקייט בתורה ובעבודה. אין פיל הינזיכטן האב איך געשפירט אז דער איד איז גאר צו מיר ווי א טאטע. ס'האט זיך פון אים געגאסן א פאטערליכע ליבשאפט וואס האט מיר אזוי געגלעט און ארום גענומען.

צוזאמען מיט זיין חשוב'ע עקרת הבית זאל געזונט זיין, האב איך צווישן זיינע ווענט געפילט ווי איך בין גאר ווי א משפחה-מיטגליד. אזוי טאקע האב איך געקענט זיין זייער גאסט, פאר זיבן יאר נאכאנאנד, אויף שבתים און ימים טובים. כ'האב געפילט אן אויפריכטיגקייט אין זייער אהבה אז אויף א רגע איז מיר נישט געקומען אין געדאנק אפשר בין איך זיי לעול ולמשא, אפילו ווען ס'זענען דארט געווען וויפיל נאך געסט. ר' משה האט מיר באמת געוואלט מחי' זיין און ער האט עס טאקע למעשה געטאן.

אז א איד קען צוקומען צום מדריגה פון "ואהבת לרעך כמוך", מיט א לשמה'דיגע אהבה - אן דעם וואס ער וועט פארדעס

# חנוכת הבית

דערפון אפילו א משהו פארדינען און נהנה זיין עפעס כבוד המדומה א.ד.ג. פשוט ווייל ער האט ליב דעם בוכ"ע'ס א קינד - האב איך מיר אויף אליין מיטגעלעבט אלע יארן וואס כ'בין געווען ביי ר' משה אייזנבאך א יוצא ונכנס. באזונדערס איז עס געקומען צום אויסדרוק ווען ס'איז געקומען צו יום חתונתי ויום שמחת לבי. סיי שבת אויפרוף סיי שבת שבע ברכות איז ווי משפחה'דיג געפראוועט געווארן אין זיין חשוב'ער שטוב. זיין מיר גרייט מאכן מיט דברי תורה ודברי הדרכה צום איינמאליגן יו"כ אין לעבן ביים החופה איז געווען באהארצט מיט א עקסטערע ווייכקייט און ווארימקייט אז ס'האט אויף מיר לתמיד עושה רושם געווען. ביים מעמד החופה האט ר' משה געליינט דער כתובה.

* * *

אט דאס אלץ האט זיך אנגעהויבן אין א פרילינגדיגן זונטאג בשנת תשכ"ה ווען ער האט מיר געזען זיצן אין אלטן שול אין סקווירער שטעטל. יענעם זונטאג בין איך אנגעקומען קיין סקווירא, זייענדיג שוין העכער די בר מצוה. כ'בין אבער נישט געווען געקלערט ווי די לאקאלע בחורים נאר מיט א גרינעם סוועטער און א קאלירטן קאפל...

געקומען בין איך אין שטעטל צוליב א שאלה אויף מיין תפילין וואס כ'האב געוואלט ווייזן א סופר. מיין רבי אין מוסד אין ספרינג וואלי מו"ה חיים הערש פערל הי"ו א געוועזענער תושב אין סקווערן שטעטל ביי וועם כ'האב דאן געלערנט, האט מיר מציע געווען צו גיין אויף סקווירא וואו כ'וועל געוויס טרעפן אן ערליכן סופר א מדקדק במצוות.

פון ספרינג וואלי בין איך צופיס געקומען צו גיין. כ'בין אריבער צום הויז פון ר' משה יצחק גרינוואלד זאל זיין געזונט, וואו מ'האט

מיר אנגעוויזן אז ער איז עוסק אין תפילין. ר' משה יצחק האט מיר געזאגט אז ס'וועט געדויערן ביז ער וועט עס עפענען, בודק זיין וכו' זאל איך אריבער אין ביהמ"ד אויף א שעה און דערנאך צוריק קומען.

זיצענדיג אין שול איז החסיד המפו' רבי משה גבאי ז"ל צו מיר צוגעקומען געבן שלום און אנגעהויבן רעדן. איך האב איס געענטפערט אויף ענגליש אז כ'פארשטיי נישט אידיש, האט ער צו מיר צוגעשיקט דעם "ענגליש-פראפעסער" וועלכער האט זיך דאן געפינען אין ביהמ"ד ר' משה אייזנבאך...

ר' משה איז צו מיר צוגעקומען און מיט מיר געמאכט א שמועס וואס איז באלד צוגעפירט געווארן צו מיין אייגענעם לעבן און אינטימליכע מחשבות אין יענע טעג. ער איז אזוי נאנט אריין געקומען צו מיינע הרגשים און רצונות אז זיין ווילן פון קירוב און מיר צו העלפן נאכקומען מיינע באגערן האט זיך יענע מינוטן אויף אן אמת אנגעצינדן. והא ראי', ס'איז געבליבן געגנוי אזוי גליענדיג - ווי ביים ערשטן מינוט אן - ביז זיין הייליג-הארץ האט אויפגעהערט קלאפן.

כ'געדענק כסדר דעם פאל פון יענע יארן ווען כ'האב נאך געלערנט אין ספרינג וואלי, אז כ'בין געקומען צו ר' משה אין ביהמ"ד בעת ער האט געלערנט מיט להבחל"ח כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א. דאס איז געווען נאך א שבועות בעפארן פארן אין א ישיבה'שן זומער קעמפ.

איך האב זיך פאר אים דאן אפגערעדט פון הארצן אז איך לערן יעצט מס' ברכות וואס קומט מיך אן שווער צוליב דעם וואס עס האט נישט קיין נקודות און אפגעטיילטע פאראגראפן און זאצן, אזוי אויך פיל איך אז עס וועט מיר זיין גאר שווער אין קעמפ וואו

מען האט מיר מודיע געווען אז מען גייט לערנען מס׳ בבא מציעא.

א וואך דערויף בין איך נאכאמאל געקומען און צוגעגאנגען צו ר׳ חברותא און עס האט זיך מיר נישט געגלויבט וואס איך זע: עס ליגן אויפ׳ן טיש צוויי גמרות מנוקדות, מס׳ ברכות און מס׳ בבא מציעא...

* * *

זיין געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט צו מיר איז שטענדיג געווען סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, ווי א שטייגער פון איבערגיין א שווער שטיקל גמרא אין מיינע ערשטע ישיבה יארן, ביז זארגן פאר אלע מיינע הצטרכות׳ן ווי קויפן ספרים (ספרים זענען דאן געווען א גאר טייער ארטיקל), אדער מיר באזארגן מיט פולע גראסערי ארדערס, מיר צו העלפן איבערקומען גשמיות׳דיגע נויטן.

עס איז דאס ערשטע מאל וואס כ׳ברענג מיט טינט אויף פאפיר וואס עס געדענקט זיך אין מיר וועגן דעם איש חסיד. זיין אש קודש ביים דאווענען, זיין הויכע איכות ביים לערנען, זיינע לעכטיגע שבתים וימים טובים, זיין ריכטיגע אמונת צדיקים, זיין אצילות׳דיגן בין אדם לחבירו, זאל לתמיד בלייבן א ביישפיל פאר אלע וואס האבן אים געקענט און ווילן אפלערנען דעם ריכטיגן תוכן פון "א חסידישער איד" וועלכער איז געווען אן אפשפיגלונג פונעם ערליכן אמאל.

זיסקייט, גוטסקייט, ווייכקייט, קענען אמאל אויסזען סתירה׳דיג צו הויכע גאר־ערנסטע עבודה. ביי ר׳ משה אייזנבאך איז דאס געגאנגען צוזאמען. זיין קנאת ה׳ צבקות איז נישט געווען צו אנדערע, נאר צו זיך אליין. מיט דעם אלעם טאקע איז ער געווען דער חסיד אמת ההולך בדרכי רבו הגדול, הקוה״ט, כ״ק אדמו״ר מסקווירא זי״ע.

## חנוכת הבית

בזכות וואס מיר וועלן זיך מחזק זיין און מדבק זיין אין זיינע דרכים וועט ער בסיעתא דשמיא קענען זיין פאר אונז א מליץ יושר לישועות והשפעות טובות, ביז מיר וועלן בקרוב זוכה זיין צו ביאת משיח ותחית המתים יחד און מיר וועלן זיך בעזר השם מיט אים ווידער טרעפן.

זכר חסיד לברכה!



**חצר הקודש ראחמיסטריווקא - ירושלים עיה"ק**



**חצר הקודש ראחמיסטריווקא - בארא פארק**